פאַרלאַג פון יידישן געגנט־קאָמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות
פון מלחמה. ווילנע.

געז. צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג („אָזע״).

ריקפאַל־טיפוס.

טיפוס רופט מען דריי גאַנץ פאַרשיידענע קראַנקהייטן: צויך־טיפוס, פלעק־טיפוס און ריקפאַל־טיפוס. דאָ וועלן מיר ריידן נאָר פון ריקפאַל־טיפוס.

די קרענק האָט מען אַזאַ נאָמען געגעבן, ווייל די אָנפאַלן פון דער קרענק רופן זיך אָפּ ביי דעם קראַנקען 2—3 מאָל, עס טרעפט זיך, אַז אַפילו 4—5 מאָל (ווי מען רופט עס, דער קראַנ־קער פאַלט צוריק אָפּ).

די קרענק הייבט זיך אָן מיט אַמאָל: דעם קראַנקען הייבט אָן צו קעלטערן, ער באַקומט שטאַרקע היץ און ליגט אָפּ אין היץ אַ טאָג 5—8, נאָכדעם פֿאַלט די היץ מיט אַמאָל אַראָפּ און עס דאַכט זיך, אַז די קרענק איז שוין אַריבער. אָבער דאָס רוב דויערט די כּלומר־שטע בעסערקייט אַ וואָך אָדער נאָך ווייניקער און נאָכדעם הייבט זיך אָן אַ צווייטער אָנפֿאַל. די קרענק הייבט זיך אָן פֿון דאָס ניי, אָבער זי ציט זיך שוין ווייניקער, ווי דעם ערשטן מאָל, געוויינליך אַ טאָג 4—5. אָבער פֿאָראויס קאָן מען קיינמאָל ניט וויסן, אויב דער אָנפֿאַל איז שוין דער לעצטער אָדער עס וועט נאָך קומען נאָך איינער.

ביי אונז טרעפֿט זיך דער ריקפֿאַל־טיפוס ניט זעלטן. אין אַנדערע לענדער (למשל, אין דייטשלאַנד, אין פֿראַנקרייך און אין ענגלאַנד), וואו מען האַלט די שטעט און די דערפֿער ריינער, וואו די מענשן לעבן ניט אַזוי אָרים און קאָנען האַלטן ריינער זייערע וואוינונגען און זיך אַליין, דאָרטן קאָן די קראַנקהייט זיך ניט אַזוי פֿאַרשפּרייטן, אויב עס טרעפֿט זיך אפֿילו, אַז מען טראָגט איר איבער פֿון די שכנישע לענדער. געוויינלעך באַפֿאַלט די קרענק (אַזוי ווי דער בויך־טיפוס און דער פֿלעק־טיפוס) פֿאַראָרימטע און פֿאַרהונגערטע מענטשן און פֿאַרשפּרייט זיך אַם שטאַרקסטן אין די הונגעריאָרן.

אויב עס באַווייזט זיך וואו אין אַן אָרט אַ קראַנקער אויף ריקפֿאַל־טיפוס, נעמט געוויינלעך די קרענק מיט דעם דאָזיקן קראַנקן ניט קיין סוף, אָבער גלייך נאָכדעם ווערן קראַנק נאָך אַנדערע און אַמאָל האַלט זיך די קרענק זייער לאַנג, ביז וואַנען עס קרענ־

קען ניט איבער פיל מענטשן. דאָס קומט פאָר, ווייל דער ריקפאַל־טיפוס גיט זיך איבער פון קראַנקע צו געזונטע, דאָס הייסט, ווייל דאָס איז אַן אָנשטעקנדיקע קלעפּיקע קרענק

פיל פון אַייך ווייסן געוויס, אַז אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן קומען אַרויס פון גאַנץ קליינינקע לעבעדיקע באַשעפענישן (דאָס זיינען אַזוינע געוואוקסן—אַ מין שוועמלעך), וואָס מען קאָן ניט זעען מיטן הוילן אויג, נאָר דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. אויב איר וואָלט נעמען אַ טראָפּן בלוט פון אַ קראַנקן אויף ריקפאַל־טיפוס און אים פאָרשן און נאָכקוקן דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, וואָס קאָן פאַרגרעסערן אין עטליכע הונדערט מאָל (אַזאַ אינסטרומענט רופט זיך מיקראָסקאָפּ), וואָלט איר קאָנען זעען, אַז דאָס בלוט איז ניט ווי ביי געזונטע מענטשן: דאָ וואָלט איר קאָנען זעען גאַנץ קליי־נינקע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס ווייזן אויס, ווי אַ דינינקער אויס־געדרייטער פעדעמל. אין פרישע בלוט באַוועגן זיי זיך זייער שנעל. די קליינינקע לעבעדיקע באַשעפענישן פאַלן אַריין צום מענטשן אין בלוט, פאַרמערן זיך זייער שנעל און רופן אַרויס די קרענק—דעם ריקפאַל־טיפוס. דער קראַנקער ווערט געזונט דאַן, ווען זיי ווערן פאַרשוואונדן פון בלוט.

ווי קומט אַריין די אָנשטעקונג פון ריקפאַל־טיפוס אין מענטשנס בלוט? דאָס קומט פאָר אַזוי: ביים קראַנקן אין בלוט געפינען זיך די באַשריבענע לעבעדיקע באַשעפענישן. פאַרשיידענע אינסעקטן (וואַנצן, פליי און איבערהויפּט לייז, וואָס לעבן אין קליידער) זויגן זיך אָן צוזאַמען מיט דאָס בלוט פון קראַנקן אויך מיט דער גיפט פון דער קראַנקהייט—מיט די באַקטעריעס, זיי בייסן נאָכדעם גע־

וונטע מענטשן און קאָנען זיי אַזוי איבערגעבן די קרענק. דערי־
בער פאַרשטייט איר שוין, אַז מען קען לייכט קראַנק ווערן אויף
ריקפאַל־טיפוס, ווען מען לעגט זיך אין די בעט, וואו עס איז פריי־
ער געלעגן אַזאַ מין קראַנקער און וואו עס געפינען זיך וואַנצן
אָדער לייז, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעזויגן מיט זיין פאַרגיפטעטע
בלוט. דעריבער פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס דער ריקפאַל־טיפוס
טרעפט זיך עפטער צווישן אָרימערע מענטשן און פאַרשפרייט זיך
שטאַרקער אין אַזעלכע ערטער, וואו מען וואוינט אין ענגשאַפט,
למשל, אין געפענגענישן (טורמעס), קאַזאַרמעס, שלעכט אַיינגע־
אָרדענטע נאַכטלעגער־הייזער און דאָסגלייכן.

אויב די אָנשטעקונג איז אַריינגעפאַלן אין מענטשנס בלוט,
הייבט זיך אָן אין אַ טאָג 5—8 דער ערשטער אָנפאַל פון דער
קרענק. דער קראַנקער ווערט שוואַך, ער מוז אַוועקוואַרפן זיין
אַרבעט און זיך לייגן אין בעט. געוויינלעך בלייבט ער ביים זינען,
אָדער עס מאַטערט אים אַ שטאַרקער קאָפּ־ווייטאָג, ווייטאָגן אין
גאַרטל, אין די איקרעס און די ביינער. צווישן די אָנפאַלן פילט
זיך דער קראַנקער פיל בעסער, ער נעמט זיך אפילו אַמאָל צו דער
אַרבעט, אָבער דאָס דאַרף מען ניט טאָן, ווייל אין עטלעכע טעג
אַרום קאָן מען וואַרטן אויף אַ צווייטן אָנפאַל און מען דאַרף שאַ־
נעווען די כוחות. געוויינלעך ענדיקט זיך די קרענק גליקלעך—
ווייל פון ריקפאַל־טיפוס שטאַרבט מען זעלטענער, ווי פון אַנדערע
טיפוסן. אָבער ווען דער מענטש איז אָפּגעשלאַפט אויסער פון דער
קרענק נאָך פון אַנדערע אורזאַכן, דאַן ווערן די אָנפאַלן אָפטער
און שטאַרקער, עס קאָן זיך נאָך צוטשעפּן אַן אַנדער קרענק און
דאָס געזונט־ווערן ציט זיך אָפּ. דעריבער מוז מען בעסער אָפּ־

תאָרטן, זעען שטאַרקער ווערן, זיך איבערצייגן, אַז עס וועט שוין מער קיין אָנפאַלן ניט זיין און נאָר דאַן קאָן מען זיך שוין האַלטן פאַר געזונט אינגאַנצן און אָנהייבן צו אַרבעטן.

זיך אָנשטעקן מיט ריקפאַל-טיפוס קאָן מען אין יעדן על-טער, אָבער עפטער ווערן קראַנק מענטשן אין אַרבעטס-עלטער.

כדי פון דעם קראַנקן מיט ריקפאַל-טיפוס זאָלן זיך ניט אָנ-נעמען קיין אַנדערע, איז דאָס בעסטע אים אַוועקגעבן אין אַ שפּי-טאָל. דאָרטן וועט מען אים אויך בעסער און ריכטיקער אויפ-פּאַסן.

אָבער ווען מען קאָן דאָס ניט אויספירן, מוז מען אַוועק-לייגן דעם קראַנקן אין אַ באַזונדערן צימער, אויף אַ ריינע בעט און ריינע וועש, זאָרגן וועגן די ריינקייט פון זיין קערפּער און אויסראָטן אין צימער אַלע אינסעקטן (וואַנצן, פליי, לייז). עס איז וויכטיק, אַז דער, וואָס גייט אַרום און פּאַסט אויף דעם קראַנקן, זאָל זיך אויך האַלטן זייער ריין, און אַז דעם צימער זאָל מען אָפט און גוט לופטערן. דאָס הייסט, עפטער עפענען די פענסטער אָדער ווייניקסטנס אַ פאָרטקע. עס איז נייטיק, אַז דעם קראַנקן זאָל באַזוכן אַ דאָקטאָר, ער וועט אים פאַרשרייבן די נויי-טיקע רפואות און געבן אַן עצה, ווי אים צו פאַרלייכטערן. אום צו אונטערהאַלטן די כוחות פון קראַנקן, מוז מען זעען, ער זאָל עסן. דאָס עסן מוז מען אים געבן ביסלעכווייז, עטלעכע מאָל אַ טאָג. דאָס בעסטע איז אים געבן מער מילך און אייער, מען טאָר אים אָבער ניט געבן קיין שווערע עסנס, ווי פלייש, קרויט, אוגערקעס, געדיכטע קאַשע. צום טרינקען קען מען געבן איבער-

געקאָכטע, אָבגעקילטע וואַסער אָדער שוואַכע טיי. אין צווישנצייט צווישן די אָנפאַלן, אַפילו אויב דער קראַנקער פילט זיך גוט, מוז מען זעען, ער זאָל זיך ניט מאַטערן און מער ליגן. נאָר ווען דער אָנפאַל קערט זיך ניט אום צוריק אין אַ משך פון 2 וואָכן, קאָן מען זיין זיכער, אַז די קראַנקהייט האָט זיך שוין געענדיקט אינ־גאַנצן.

די הויז, וואו עס איז געלעגן אַ קראַנקער אויף ריקפאַל־טיפוס, מוז מען זעען גוט אויסצורייניקן, אויסוואַשן און אויסלופ־טערן, עס איז זייער וויכטיק צו זעען אויסראָטן אַלע אינסעקטן, עס איז אָבער בעסער, ווען אַ דאָקטאָר מאַכט אַ דעזינפעקציע (דאָס הייסט פאַרניכטעט אין הויז די אָנשטעקונג) מיט מיטלען, וואָס ער געפינט פאַר בעסער.

דער בעסטער מיטל זיך צו פאַרהיטן פון קראַנק ווערן אויף ריקפאַל־טיפוס און פיל אַנדערע קראַנקהייטן איז געוויס — לעבן שטענדיק אין ריינקייט און זיך ניט אויסצערן מיט קיין שווערע אַרבייט איבער די כחות. אָבער מיט די מיטלען, וואָס מיר האָבן פריער באַשריבן, קאָן מען אויך פיל פאַרלייכטערן דעם צושטאַנד פון קראַנקן און פאַרהיטן די אַרומיקע פון אָנשטעקן זיך.

גלייך ווי עס ווייזט זיך נאָר אין שטעטל דער ערשטער פאַל פון ריקפאַל־טיפוס — מוז יעדער איינוואוינער זעען צו פאַר־היטן זיך און זיין פאַמיליע פון דער אָנשטעקנדיקער קראַנקהייט, דערצו איז נייטיק וואָס מער זאָרגן וועגן דער ריינקייט פון איי־גענעם קערפער און פון וואוינונג, אויסראָטן די אינסעקטן און ווי מיגלעך בעסער זיך דערנערן. אָבער מען מוז געדענקן, אַז אויב

ביי זיך אין הויז האָט איר אפילו אָפּגעהיט געהעריק אַלץ, וואָס איז נייטיק קעגן דער אָנשטעקונג, איז נאָך די געפאַר ניט אַריבער. מען קאָן זיך אַלע מאָל צופעליק אָנשטעקן, ווען אין דער געגנד אַרום געפינען זיך פיל קראַנקע מיט אָנשטעקנדיקע קריינקהייטן.

קעמפן און ניט דערלאָזן די קראַנקהייט זיך פאַרשפרייטן מוזן אַלע איינוואוינער פון דער געגנט צוזאמען. מען מוז זאָרגן, אַז די גאַנצע שטאָט אָדער די שטעטל זאָל מען האַלטן אין ריינ־קייט און אַז הונגעריקע און דאַבלאָזע מענטשן זאָלן ניט בלייבן אָן שפייז צום עסן און אָן אַ היים.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראָקער גאַס 13.

ווילנע, 1920.

פאַרלאַג פון יידישן געגנט-קאָמיטעט אויף צו העלפן די קרבנות פון מלחמה. ווילנע.

געז. צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג („אָזע").

סקאַרלאַטין.

סקאַרלאַטין איז זייער אַ געפערלעכע קראַנקהייט, פון וועלכער עס שטאַרבן אָפּ פיל קינדער. דערוואַקסענע מענטשן ווערן זעלטן קראַנק אויף סקאַרלאַטין און ווער עס האָט שוין אַיינמאָל געהאַט די קראַנקהייט, באַקומט איר זעלטן נאָך אַ מאָל.

יעדער פון אייך ווייס געוויס, אַז אויב עס ווערט ווער קראַנק אין אַ הויז אויף סקאַרלאַטין, באַקומען געוויינליך דאָרט אויך אַנדערע אין אַ קורצע צייט אַרום די זעלבע קרענק.

עס טרעפט זיך אָפט, אַז אויב עס געפינט זיך אין אַ הויז אַ קראַנקער אויף סקאַרלאַטין, ווערט מען מיט אַ מאָל קראַנק אין אַ שכנות׳ע הויז אָדער גאָר אין אַ ווייטע הויז אויפן עק שטעטל, אויב פון דאָרטן גייט מען אַריין אָדער מען האָט אַ שייכות צו דער הויז, וואו עס איז געוועזן סקאַרלאַטין.

נאָך מער: אין יענער הויז, וואו עס געפינט זיך אַזאַ קראַנ־
קער, גייט אַריין ווער אפילו פון אַן אַנדער שטאָט, וואו עס איז
פאַר דעם גאָר קיין סקאַרלאַטין ניט געווען. ער קומט צוריק אַהיים
געזונטערהייט און אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום הייבט מען אָן
אין יענער שטאָט צו קרענקען אויף סקאַרלאַטין.

דאָס אַלץ ווייזט קלאָר אַרויס, אַז סקאַרלאַטין גייט
אַריבער פון קראַנקן צו געזונטע, פון הויז צו הויז,
פון שטאָט צו שטאָט, און דאָס קומט פאָר, ווייל
סקאַרלאַטין איז אַן אָנשטעקנדע קלעפּיקע קרענק.

פון קראַנקן קאָן אַריבערגיין די אָנשטעקונג אויף די
מענטשן, וואָס געפינען זיך אַרום אים, און אויף די זאַכן, צו
וועלכע ער רירט זיך צו: אויף די בעטגעוואַנט, אויף די קליידער,
אויף די געפעס און דאָס גלייכן. עס איז דעריבער קלאָר, אַז יע־
דער, וואָס גייט נאָר צו צום קראַנקן, און געוויס אַוודאי נאָך מער
דער, וואָס וואוינט מיט אים צוזאַמען, קאָן זיך אָננעמען און קראַנק
ווערן אויף סקאַרלאַטין.

עס קאָן זיך אויך טרעפן, אַז דער, וואָס איז געווען ביים
קראַנקן, ווערט אַליין ניט קראַנק, נאָר ער טראָגט איבער די
קרענק אין אַן אַנדער הויז און שטעקט דאָרט אָן געזונטע. די
אָנשטעקונג קאָן זיך איבערגעבן אפילו ניט דורך אַ מענטשן, נאָר
דורך זאַכן, דורך די בעטגעוואַנט פון קראַנקן, דורך זיינע קליי־
דער. למשל, עס איז וואו קראַנק געווען אַ קינד אויף סקאַרלאַ־
טין, זיין מוטער שענקט אַוועק אָדער פאַרקויפט אַ שכנה זיינע
קליידער אָדער זיין קאָלדרע (דעקע) און פון די זאַכן ווערן

קראַנק אויף סקאַרלאַטין די שכנישע קינדער. עס טרעפט זיך אויך, אַז סקאַרלאַטין טראָגט מען איבער פון הויז צו הויז ניט ניט מיט קליידער, נאָר מיט עסנוואַרג, למשל, מיט ברויט. אַ שכנה נעמט ברויט אין דער הויז, וואו עס געפינט זיך סקאַרלאַטין, און צום ברויט האָט זיך צוגעקלעפּט די אָנשטעקונג. זייער לייכט טראָגט זיך איבער די קרענק פון הויז צו הויז דורך מילך.

אויב עס נעמט זיך ווער אָן סקאַרלאַטין, ווערט ער קראַנק ניט ביסלעכווייז, נאָר מיט אַ מאָל, פּלוצלונג.

אין דער פרי איז נאָך דאָס קינד געווען געזונט, האָט זיך געשפּילט אָדער איז נאָך געגאַנגען אין חדר, און פון אָוונט לייגט עס זיך שוין אַוועק, באַקלאָגט זיך אויף קאָפּווייטאָג, איבלקייט, הערט אויף צו עסן, עס קעלטערט אים. גלייך נאָכן קעלטערן הייבט אָן דאָס קינד צו ברעכן. פריער האָט עס זיך אַיינגעדעקט, אַיינגעהילט און איצט דעקט עס זיך אָפּ און וואַרפט זיך פון היץ. דאָס קינד הייבט אָן צו ריידן פון היץ.

עס הייבט אָן צו ברעכן, פון אָנהייב מיטן עסנוואַרג, נאָכדעם מיט גרינע גאַל. אויפן צווייטן מעת־לעת פון אָנהייב קרענק ווערט דער גאַנצער קערפּער רויט. ווען מען זאָל זיך גוט צוקוקן צו דער רויטקייט, קאָן מען באַמערקן, אַז דער גאַנ־צער קערפּער איז באַדעקט מיט טונקל־רויטע פּינטעלעך. דער פּנים (דאָס געזיכט) איז אויך באַדעקט מיט דעם אויסשלאַג, אָבער ניט אינגאַנצן; דער נאָז, די ליפּן און די מאָרדע בלייבן געווייגלעך בלאַס. דאָס קינד באַקלאָגט זיך, אַז עס טוט אים וויי ביים שלינגען. ווען ער עפנט דאָס מויל, קאָן מען זען,

אַז אין האַלז איז אָנגעשוואָלן און רויט. די גילן אויפן האַלז ווערן אָנגעשוואָלן און טוען אויך וויי. די היץ און דער אויסשלאַג האַלטן זיך אַ טאָג פיר און אַ מאָל נאָך מער.

אויב דאָס קינד בלייבט לעבן, פאַלט די היץ ביסלעכווייז אַראָפּ, דער אויסשלאַג באַהאַלט זיך און ווערט בלאַסער און די הויט הייבט זיך אָן צו שיילן.

אָבער ניט אַלע מאָל גייט די קרענק אַריבער אַזוי גליק־לעך. ניט זעלטן שטאַרבט מען פון סקאַרלאַטין שוין אין די ערשטע טעג ביי די גרויסע היץ. אַמאָל קרענקט מען לאַנג און שווער אפילו שוין נאָך דער סקאַרלאַטין, ווען דער אויסשלאַג איז שוין אַריבער. אויף דער דריטער אָדער פערטער וואָך קאָן זיך באַווייזן אַ נייע קראַנקהייט, ווי נירן־אָנצינדונג, וואָס באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס קינד ווערט אָנגעשוואָלן.

אָפט מאַכן זיך געשווירן אויפן האַלז אין די געשוואָלענע גילן, אָדער אין די אויערן, פון וואַנען עס הייבט אָן צו רינען אייטער. דאָס קינד קאָן שטאַרבן פון די געשווילעכץ אָדער פון די געשווירן.

וואָס דאַרף מען טאָן, אויב עס ווערט אין אַ הויז ווער קראַנק אויף סקאַרלאַטין? דאָס בעסטע איז גלייך אַוועק־פירן דעם קראַנקן אין אַ שפּיטאָל. דאָרט וועט מען אים בעסער אויפפּאַסן און אויך ריכטיקער היילן, דעריבער וועט ער לייכטער געזונט ווערן און די שטוביקע וועלן זיך פון אים ניט אָננעמען.

אויב מען קאָן אָבער בשום אופן אים ניט אָפּגעבן אין קיין

שפּיטאָל, דאַן מוז מען זיך ווענדן צו אַ דאָקטאָר, וועלכער וועט אָנ־ווייזן, ווי זיך צו באַגיין מיטן קראַנקן, מיט וואָס אים צו היילן און ווי צו פאַרהיטן די הויז־געזינט, זיי זאָלן זיך ניט אָנשטעקן.

אָבער נאָך פאַרן דאָקטאָרס וויזיט מוז מען זעען אַליין זאָרגן פאַרן קראַנקן.

1) ערשטנס, מוז מען מאַכן פאַר׳ן קראַנקן אַ באַקוועמע בעט. אָבער דאָס בעסטע איז אים ניט אונטערלייגן קיין קליידער, נאָר אונטערבעטן היי אָדער שטרוי, ווייל דאָס קאָן מען פאַרברענען און אויף אַזאַ אופן קאָן מען לייכט אויסראָטן און פאַרניכטן די אָנשטעקונג.

קליידער אָבער מוז מען נאָכדעם רייניקן און עס איז ניט לייכט זיי אויסצורייניקן און אינגאַנצן צו באַפרייען פון דער סקאַר־לאַטין־אָנשטעקונג, און אויב זיי וואָלטן ניט זיין ווי געהעריק אויסגע־רייניקט, קאָן די קראַנקהייט דורך אַזעלכע קליידער איבערגיין אויף אַנדערע געזונטע מענטשן.

2) צווייטנס, איז נייטיק, אַז די לופט אין צימער זאָל זיין ריין און פריש, כדי דער קראַנקער זאָל קאָנען לייכט אָטעמען מען מוז אָפטער דורכלופטערן דעם צימער: זומער עפנט מען די פענסטער און ווינטער דעם קוימען, עס זאָל אַרויסציען דורכ׳ן אויוון די דומפּיקע פאַרדאָרבענע לופט. מען קאָן עפענען אויך די טיר, נור פאַרדעם מוז מען גוט איינדעקן דעם קראַנקן, עס זאָל אויף אים ניט בלאָזן קיין ווינט.

דאָס צימער אַליין מוז מען האַלטן ריין, די שמוץ, די איבעריקע כלים, קליידער דאַרף מען אַרויסטראָגן פון צימער, ריינע

לופט איז נייטיק בכלל אפילו פאַר געזונטע און בפרט נאָך פאַר אַ שוואַכן קראַנקן מענטשן.

3) דעם קראַנקן גופא מוז מען האַלטן ריין. מען דאַרף קיין מורא ניט האָבן אַרומצוואַשן די קינדער. וואָס זיינען קראַנק אויף סקאַרלאַטין, אָדער זיי איבערצובייטן די וועש, אָנטאָן אַ ריינע העמד, ווייל אין ריינע וועש און אין אַ ריינע בעט פילט זיך דער קראַנקער פיל לייכטער.

4) ווען דער קראַנקער ליגט אין היץ, לייגט מען אים אויפן קאָפּ אַ קאַלטן נאַסן האַנטוך, גוט אויסגעדרייט, עס זאָל פון אים ניט טריפן קיין וואַסער. דעם האַנטוך בייט מען עפטער אום, ער זאָל זיך ניט אָנוואַרעמען און בלייבן שטענדיק קאַלט.

5) די קליינע קינדער דאַרף מען אויסווישן דאָס מויל מיט אַ ריינע טיכל אָדער מיט וואַטע, וואָס מען נעצט איין אין איבערגעקאָכטע וואַסער, עלטערע מוז מען געוויינען שווענקען עפטער דאָס מויל און די האַלז מיט איבערגעקאָכטע וואַסער.

6) אויב דער קראַנקער וויל עסן, קאָן מען אים געבן נאָר לייכטע עסנס: מילך, מילכיקע קאַשקע, ווייכע אייער, ווייס ברויט. מען טאָר אים ניט געבן קיין שווערע שפייז: פלייש, אוגערקעס, הערינג און דאָס גלייכן. ווען דאָס קינד ליגט אין היץ, פייניגט אים געוויינליך אַ שטאַרקער דורשט. מען קאָן אים געבן ביסלעכ־ווייז טרינקן אָפּגעקילטע טיי, אָדער אָפּגעקילטע איבערגעקאָכטע וואַסער. אין די טיי אָדער אין די וואַסער קאָן מען צוגיסן ציט־ראָן־זאַפט אָדער זשוראַווינע־(קלוקווע) זאַפט.

זאָגאַר ביי די לייכטסטע פאָרמען פון סקאַרלאַטין מוז דער

קראַנקער בלייבן אין בעט אַמווייניקסטנס 4 וואָכן, ווייל אויף דער 4 וואָך קאָן זיך באַווייזן נירן־אָנצינדונג.

עס איז אָבער ניט גענוג זיך פאַרנעמען מיטן אויפפּאַסן און היילן דעם קראַנקן אַליין, מען מוז אויך זעען זאָרגן אָפּצו־האַלטן די אָנשטעקענדיקע קראַנקהייט און איר ניט דערלאָזן זיך פונאַנדערשפּרייטן איבערן שטאָט.

דערצו מוז מען פריער פאַר אַלץ אָפּזונדערן דעם קראַנקן פון די געזונטע. דאָס בעסטע איז, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַוועקפירן דעם קראַנקן אין אַ שפּיטאָל. אויב אין דער פאַמיליע, וואו עס האָט זיך געפונען סקאַרלאַטין, זיינען דאָ גע־זונטע קינדער, וואָס לערנען אין חדר אָדער אין אַ שול, טאָר מען זיי ניט לאָזן גיין אין קלאַס, וואָרים זיי קאָנען דאָרט זאַריבערטראָגן די אָנשטעקנדיקע קראַנקהייט. מען דאַרף אַליין ניט גיין צו פרעמדע און קיינעם ניט בעטן צו זיך, כדי ניט פונאַנ־דערצושפּרייטן די קרענק. די שכנים דאַרפן ניט נעמען אין הויז, וואו עס געפינט זיך סקאַרלאַטין, קיין קליידער, קיין עסנ־וואַרג, כדי ניט אריבערצוטראָגן מיט די זאַכן די קרענק אין זיי־ערע אייגענע הייזער. בכלל מוז מען זעען פאַרמיידן די הויז, וואו עס געפינט זיך סקאַרלאַטין. פון דעם קראַנקן אויף סקאַרלאַטין קאָן מען זיך אָנשטעקן ביז די גאַנצע הויט־שיילונג ווערט זיך אינ־גאַנצן ניט ענדיקן. געוויינלעך, דויערט עס זעקס וואָכן.

ווען דאָס קינד ווערט געזונט, דאַרף מען זעען זיך געבן מי צו פאַרניכטן די אָנשטעקונג אויפן קראַנקן, אויף זיינע קליי־דער, אויפן בעט און אין גאַנצן הויז. דעם קינד מוז מען אויס־

וואַשן דעם גאַנצן קערפּער מיט וואַרעמע וואַסער און מיט זייף און אָנטאָן אַלץ ריינע, די היי פון בעט פאַרברענען, די וועש, די קאָלדרע, די האַנטיכער און אַלע בגדים, וואָס מען האָט גע־ברויכטביים קראַנקן, מוז מען אויספּאַרן אין אַן אויוון און אויסוואַשן מיט זייף. די קאָלדרע אָדער די קליידער, מיט וואָס דער קראַנקער איז געווען איינגעדעקט, מוז מען וואָס לענגער אויסלופטערן אויפן הויף אויף דער זון. די בעט, וואו דער קראַנקער איז געלעגן, און די פּאָדלאָגע מיט די ווענט פון צימער מוז מען אויסוואַשן זייער ריין מיט הייסע וואַסער מיט לויג און מיט זייף. אָבער דאָס בעסטע איז זיך מישב זיין מיט אַ דאָקטער, ער וועט שוין געבן אַן עצה, ווי אַם בעסטן צו פאַרניכטן די אָנשטעקונג.

די לעצטע יאָרן האָבן די דאָקטוירים אָנגעהויבן מאַכען אימפּונגען צו פאַרהיטן פון סקאַרלאַטין, אַזוי ווי מען שטעלט קינדער פּאָקן, אום צו פאַרהיטן זיי פון די קרענק פּאָקן. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס אויך אַ גוטער מיטל זיך צו פאַרהיטן פון די געפערליכע קרענק.

אויב עס טרעפט זיך אַן אומגליק און דאָס קינד שטאַרבט פון סקאַרלאַטין, דאַרף מען זיך היטן פאַר דער קבורה און איי־דער מען רייניקט אויס די דירה (איידער מען מאַכט אַ דעזינפעק־ציע) ניט אַריינלאָזן קיינעם אין הויז, ווייל פון דעם געשטאָרבע־נעם קאָן מען זיך אָננעמען סקאַרלאַטין אַזוי לייכט, ווי פון אַ לעבעדיקן.

מען דאַרף אויך ניט שענקען אָדער פאַרקויפן דעם פאַר־שטאָרבענעמ׳ס בגדים, זיינע העמדלעך, זיין קאָלדרע, ווייל דורך די אַלע זאַכן קאָן מען לייכט אריבערטראָגן די אָנשטעקנדיקע קרענק אין אַנדערע פאַמיליעס. מען דאַרף אויך ניט נעמען אַזעלכע מתנות.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., טראָקער גאַס 13.
ווילנע, 1920.